**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט באריכט פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס פארברייטונגען פאר מעגליכע שאדנס פון פארפלייצונגען אזוי ווי מער רעגנס זענען ערווארטעט היינט און מארגן**

***סופאָלק קאונטי איז אונטער א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונג אזוי ווי שווערע רעגן זעצט פאר צו באטרעפן דאָונסטעיט געגנטער***

***דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס האט עקוויפמענט און מאנשאפטן גרייט אין פאל וואס זיי וועלן אויספעהלן פאר פארפלייצונג וואסער רעטונג***

***גאווערנער מוטיגט ניו יארקער צו נאכפאלגן די וועטער אומשטענדן און זיין גרייט אין פאל פון א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער די סטעיט'ס באמיאונגען צו נאכפאלגן און רעאגירן צו פאטענציאלע פארפלייצונגען פאראורזאכט דורך שווערע רעגנס אין ראיאנען וועלכע זענען שוין באטראפן געווארן דורך לעצטיגע פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען. די גאנצע מזרח חלק פון די סטעיט בלייבט אונטער א פארפלייצונג וואַטש דורכאויס די אוונט, מיט סופאָלק קאונטי יעצט אונטער א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונג. זינט נעכטן ביינאכט האט סופאָלק קאונטי געזעהן פינף אינטשעס רעגן אין א צייט אפשניט פון צוויי שעה, און וועסטשעסטער און פאָטנעם קאונטיס האבן באקומען רעגנס אין ראטעס פון ביז אזויפיל ווי צוויי אינטשעס פער שעה. כאטש עס זענען יעצט נישטא קיין שום באריכטן פון באדייטנדע אדער קאטאסטראפישע פארפלייצונגען אין די ראיאנען, דאך האלטן גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע א נאענטע אויג אויף סיי וועלכע אנקומענדע וועטער, און זיי זענען פולשטענדיג גרייט זיך צו אפרופן צו פארפלייצונגען.

"מיט פלעצער אין די סטעיט אריבערגייענדיג פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען, מוטיג איך ניו יארקער צו בלייבן וואכזאם און נאכפאלגן די וועטער אומשטענדן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע ארבעטן מידלאזערהייט צו פארזיכערן אז מיר זענען גרייט פאר סיי וועלכע צוגאבליכע וועטער דורכאויס די צייט אפשניט."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "שווערע רעגנס זענען באריכטעט געווארן אין עטליכע קאונטיס דורכאויס די פארגאנגענע 24 שעה, און מיר ערווארטן נאך רעגן היינט אוונט אריין אין מארגן. מיין מאנשאפט פאלגט נאך די פאראויסגעזאגטע וועטער און סיי וועלכע השפעות וואס די וועטער וועט האבן אריבער די סטעיט. מיר זענען גוט צוגעגרייט צו ארויסשיקן נאך מאנשאפטן און מיטלען זיך צו אפרופן צו ארויסהעלפן אונזערע לאקאלע ערשטע הילף מאנשאפטן מיט פלוצלינדיגע פארפלייצונג אינצידענטן."

די גאנצע מזרח חלק פון די סטעיט איז יעצט אונטער א פארפלייצונג וואַטש, אריינרעכענענדיג די נארט קאנטרי, הויפטשטאט ראיאן, מאוהאק וואלי, מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען. פאר

א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס וועבזייטל ביי https://alerts.weather.gov.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר NY Alert, די סטעיט'ס אומזיסטע עמערדזשענסי אלערט סיסטעם, אויף alert.ny.gov. עמערדזשענסי אינפארמאציע פאר יעדע קאונטי באזונדער קען געשיקט ווערן דורך טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל.

נאכפאלגנדיג די שטורעם האבן טראנספארטאציע דעפארטמענט הייוועי אויפהאלטונג מאנשפאטן און קאנטראקטאר קרעפטן, שאדן אפשאצונג און בריק אינספעקציע מאנשאפטן געארבעט אן אויפהער צו זיכערערהייט צוריק עפענען סטעיט שאסייען אריבער צענטראל ניו יארק, די נארט קאנטרי, לאנג איילענד און די האדסאן וואלי ראיאנען.

**<u>שאסייען וועלכע זענען לעצטנס צוריק געעפנט געווארן</u>**

**האדסאן וואלי**

- יו. עס. רוט 6/202 (Bear Mountain Bridge Road) איז אפן איןביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוט D9 און יו. עס. רוט 9 אין די טאון אָוו קאָרטלאנד, וועסטשעסטער קאונטי.
- יו. עס. רוט W9 איז אפן אין ביידע ריכטונגען מיט ווייניגער ליניעס אין די פלעצער ארום קארנוואל און די Stony Lonesome Gate ארייננגאנג צו וועסט פוינט/Mountain Ave. דאס נעמט אריין 4.8 מייל פון שאסיי, אריינרעכענענדיג די הויפט ארייננגאנג צו וועסט פוינט פון צפון און דאס צוריק שטעלן די הויפט רוט אין באנוץ דורך טעגליכע דרייווערס.
- סטעיט רוט 32 ביי Trout Brook Road, טאון אָוו וואדבורי, אראנדזש קאונטי איז אפן מיט איין ליניע פאר טראפיק פון ביידע זייטן קאנטראלירט דורך א צייטווייליגע סיגנאל.
- יו. עס. רוט W9 איז אפן אין ביידע ריכטונגען דרום פון די בער מאונטעין בריק ביז ראקלענד קאונטי. די קריטישע פארבינדונג פון רוט W9 צו Bear Mountain Circle, העכער די בער מאונטעין בריק צו רוט 6 (Goat Trail) איז צוריק ארייינגעשטעלט געווארן אין סערוויס.
- די בריק אויטאריטעט האט צוריק געעפנט די בער מאונטעין בריק פאר אלע טראפיק.

**צענטראלע ניו יארק**

- סטעיט רוט 104 אין מעקסיקא, אָסוועגאָו קאונטי האט זיך צוריק געעפנט מיט רייעס פאר טראפיק פון ביידע ריכטונגען. עס וועט צייטווייליג זיין פארשפארט פאר ביז אזויפיל ווי צוויי וואכן פאר פאררעכטונגען פון די וואסער טונעל אונטער די שאסיי, אנגעהויבן פריער די וואך.
- רוט A69 אין אָסוועגאָו קאונטי איז פולשטענדיג צוריק געעפנט געווארן.

**העמילטאן קאונטי**

- רוט N30/28 פון בלו מאונטעין לעיק ביז לאָנג לעיק אין העמילטאן קאונטי האט זיך צוריק געעפנט.
- רוט 30 פון לאָנג לעיק, העמילטאן קאונטי, צו די פרענקלין קאונטי ליניע האט זיך צוריק געעפנט.
- סטעיט רוט N28 אין די טאון אָוו לאָנג לעיק, העמילטאן קאונטי האט זיך צוריק געעפנט אויף איין וועג פאר לאקאלע טראפיק און עמערדזשענסי קארן ביז די בריק העכער די פישינג ברוק.

**שאסייען יעצט פארשלאסן**

- די בריק וואס פירט סטעיט רוּט N28 העכער די פישינג ברוּק אין העמילטאן קאונטי איז יעצט פארשפארט צוליב שאדן צו די סטרוקטור. אינדזשענירן פון די טראנספארטאציע דעפּארטמענט ארבעטן צו אויפבויען א צייטווייליגע סטרוקטור צו צוריק אנהויבן טראפיק אין די פלאץ ווי שנעלער מעגליך.
- די סטעיט רוּט W9 בריק העכער די פּאַפּאלאָופען וואסער שטורים אין היילענדס טאון, ארענדזש קאונטי, איז יעצט פארשלאסן אין די צייט וואס סטעיט אינדזשענירן ארבעטן צו אויפקומען מיט א לייזונג צו צוריק עפענען די בריק ווי שנעלער מעגליך. דערווייל איז רוּט W9 פארשפארט אין ביידע ריכטונגען פון פארט מאַנטגאָמרי ביז די Bear Mountain Circle צוליב שאדן צו די בריק.
- יו. עס. W9 איז פארשפארט אין די פון דרום ריכטונגען ביי סטעיט רוּט 218/ James O'Neill High School און ביי Stoney Lonesome Gate/Mountain Ave, היילענדס, ארענדזש קאונטי צוליב אפגעשווענקענע ערד און שמוץ. עס איז ערווארטעט צו זיין פארשפארט פאר די לאנגע טערמין.
- סטעיט רוּט U980 איז פארשפארט אין צפון און דרום ריכטונגען צווישן די יו. עס. W9 און סטעיט רוּט 218, היילענדס, ארענדזש קאונטי צוליב דעם וואס די שאסיי איז צוזאמגעפאלן. עס איז ערווארטעט צו זיין פארשפארט פאר די לאנגע טערמין.
- סטעיט רוּט 218 איז פארשפארט אין צפון און דרום ריכטונגען צווישן סטאָרם קינג הייוועי און די טאון אָוו קארנוואל/טאון אָוו היילענדס ליניע, טאון אָוו קארנוואל, ארענדזש קאונטי צוליב דעם וואס די שאסיי איז צוזאמגעפאלן. עס איז ערווארטעט צו זיין פארשפארט פאר די לאנגע טערמין.

די פאלגנדע שאסייען זענען ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען אין די קומענדיגע 24-48 שעה, געוואנדן אויף די וועטער:

- די פּאליסעידס פּארקוועי אין צפון און דרום ריכטונגען צווישן עקזיטס 15 און די בער מאונטעין בריק, טאון אָוו היילענדס, ראקלענד קאונטי.
- די יו. עס. 6 אין ביידע ריכטונגען צווישן סטעיט רוּט 293 און די פּאליסעידס אינטערסטעיט פּארקוועי, וואודבורי, ארענדזש קאונטי.
- די Long Mountain Circle צווישן יו. עס. רוּט 6 און די פּאליסעידס אינטערסטעיט פּארקוועי וואס ברענגט צוריק צוטריט פון מזרח ארענדזש קאונטי מיט צפון ראקלענד קאונטי דורך די פּאליסעידס אינטערסטעיט פּארקוועי.
- סטעיט רוּט 116 צווישן Norton Road און Hunt Lane אין ביידע ריכטונגען, נארט סעילעם, וועסטשעסטער קאונטי.
- סטעיט רוּט A9 אין ביידע ריכטונגען צווישן Skyline Drive און די סאָו מיל ריווער פּארקוועי, מאַונט פּלעזענט, וועסטשעסטער קאונטי.
- סטעיט רוּט 35 אין מזרח-ריכטונג מערב פון Mark Mead Road, קראָס ריווער, וועסטשעסטער קאונטי.
- טעקאניק סטעיט פּארקוועי אין צפון-ריכטונג, דרום פון Exit 37A, איסט פישקיל, דאָטשעס קאונטי.
- סטעיט רוּט 22 ביי Hurds Corners Road, פּאולינג, דאָטשעס קאונטי.

**<u>נאך סטעיט אגענטור פארברייטערונגען</u>**

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט רופט זיך אפ צו די וועטער מיט כמעט 3,500 מאשין אפעראטארן און סופערווייזערס וועלכע שטייען גרייט איבערן סטעיט.די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,404 גרויסע זאמד טראקס
- 321 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 82 האלץ טשיפערס
- 79 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 32 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 20 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 15 בוים-קרו באקעט טראקס

**טרו-וועי אויטאריטעט**
איינגעשטעלטע פון די טרו-וועי אויטאריטעט פאלגן יעצט נאך די פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי האבן 653 מאשין דרייווערס און סופערווייזארס וועלכע שטייען גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע ווינט אדער פארפלייצונג אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטער טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע VMS שילדן, באוועגיגע ליכט טורעמעס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפּמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר שאסיי פארשליסונגען. עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאָושעל מידיע ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 354 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 60 לאָודער טראקטארס
- 31 טרעילערס
- 5 וואקיום טראָקס
- 13 עקסקעוועיטארס
- 8 האלץ טשיפּערס
- 100 טשעינסאוס
- 23 לופט טראָקס
- 21 סקיד סטיערס
- 83 באוועגיגע דזשענערעיטארס
- 68 רוקעדיגע לעקטער יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי, זיי קענען פאַלאָווען ThruwayTraffic@ אויף Twitter און זיי קענען באזוכן thruway.ny.gov צו זעהן א לעבעדיגע מאפע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן אויף די טרו-וועי און אויף אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט דורכאויס די שווערע וועטער. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס, ווי נויטיג, צו אפעקטירטע ערטער. אלע ספעציעליזירטע וויהיקלס פון סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו וויהיקלס און יוטיליטי טעסק וויהיקל, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף. אלע טרופ עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**
DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג מאנשאפטן און ראיאנישע מאנשאפטן זענען אויפן וואך און פאלגן נאך דעם אנטוויקלענדען מצב און פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי פאטראלירן אקטיווערהייט פלעצער און אינפראסטרוקטור וועלכע האבן העכערע אויסזיכטן צו באטרעפן ווערן דורך שווערע וועטער. אלע הילפס-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינגערעכנענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

מיט די פאטענציאל פאר שווערע רעגנס, [ווערן הייקערס אין די עדיראָנדעק בערג גע'עצה'ט](#) צו צייטווייליג אוועקשטיין פון הויכע טרעילס און טרעילס וועלכע שניידן אריבער טייכן און שטרומען. הייקערס ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף די [עדיראָנדעק קאָנטרי אינפארמאציע וועבזייטל בלעטער](#) פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנאלע שאסיי אפשפארונגען און אלגעמיינע פארוויילונג אינפארמאציע פאר די עדיראַנדעק בערג, באזונדערס נאכפאלגנדיג די לעצטיגע פארפלייצונגען.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזיכער זאלן באזוכן [parks.ny.gov](#), קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

<u>**שווערע וועטער זיכערהייט עצות**</u>

**סופלייס פאר א קאטאסטראפע**
האלט סופלייס פאר א קאטאסטראפע ביים האנט, אריינגערעכנענדיג:

- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**פלוצימדיגע פארפלייצונגען**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען ארויפווישן קאר פון א ראוד אדער בריק.

**בליצן**

- פאלגט נאך דער 30-30 כלל: אויב דער צייט צווישן ווען איר זעט א בליץ און הערט ווי עס דונערט איז אונטער 30 סעקונדעס, איז דער בליץ גענוג נאענט אייך צו דערכאפן. זוכט אויס א שוץ-ארט זאפארט. נאך דער לעצטער בליץ, ווארטס אפ 30 מינוט בעפאר איר פארלאזט אייער שוץ-ארט.
- בליצן שטויסן אן צום ערשט דאס וואס שטייט דאס מערסטע אין די הייעך. אויב איר זענט העכער די שפיץ הויעכקייט פון ביימער, גייט זאפארט ארונטער און לייגט זיך אראפ איינגעבויגענערהייט אויב איר זענט אין אן אפענעם שטח.
- אויב איר קענט נישט אנקומען צו א שוץ-ארט, שטייט אוועק פון ביימער. אויב עס איז נישט דא קיין ארט וואו זיך צו באשיצן, זעצט אייך אראפ טיף איינגעבויגן, און שטייטס ווייט פון א בוים טאפלט די מאס פון איר הייעך.

**טארנאדא**

- אויב איר געפונט זיך אינדרויסן און א טארנאדא ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן, זוכט זאפארט א שעלטער. אויב עס איז נישטא קיין שעלטער נעבן אייך, לייגט זיך אויס פלאך אין א גרוב אדער אין א נידעריגע פלאץ מיט אייערע הענט באשיצנדיג אייער קאפ.
- אויב איר זענט אינדערהיים אדער אין א קליינע געביידע, גייט אראפ אין די בעיסמענט אדער צו אן אינעווייניסטע צימער אויף די אונטערשטע שטאק פון די געביידע. שטייטס ווייט פון פענצטער. קלאזעטס, באדצימערן און אנדערע אינערליכע צימער באטן אן די בעסטע באשיצונג. לייגט אייך אונטער א שטארקע שטיקל מעבל אדער דעקט אייך איבער מיט א מאטראץ.
- אויב זענט איר אין א סקול, שפיטאל אדער שאַפינג צענטער, גייט צו א דעזיגנירטע שעלטער. שטייט ווייט פון גרויסע אפענע ערטער און פון פענצטערן גייט נישט ארויס אינדרויסן צו אייער קאר.
- אויב זענט איר אין א הויך-שטאקיגער געביידע, גייט צו אן אינעווייניגסטע קליינע צימער אדער קארידאר אויף די נידעריגסטע שטאק מעגליך. נוצט נישט קיין עלעוועיטערס — נוצט נאר די טרעפ.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי צו בלייבן זיכער דורכאויס שווערע וועטערס, באזוכט: https://www.dhses.gov/safety.

###